בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִּישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון צ"ב

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת וארא שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן, אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א**

### נֶעם עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ

אַ מְלַמֵּד דַארְף אַזוֹיפִיל חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וַוייל עֶר אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַז 'קֵיינֶער אַפְּרִישִׁיעֶיט (שֶׁעצְט) נִישְׁט מַיין אַרְבֶּעט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ טוּט דָא, אִיךְ פִּיל יֶעדֶע רֶגַע וִוי אִיךְ וִויל אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן כִּתָּה, אִיךְ רֶעד צוּ דִי פִּיר וֶוענְט, אוּן קֵיינֶער הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס...

אָבֶּער פַארְוָואס זָאלְסְטוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע מַחֲשָׁבוֹת אַז 'קֵיינֶער שֶׁעצְט נִישְׁט מַיין אַרְבֶּעט'? פוּן וֶועם עֶרְוַוארְטְסְטוּ שֶׁעצוּנְג?!

וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ מַחֲלֹקֶת, הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶעמָאלְט גֶענָאמְט (פַארְטֵייבְּט), אַזוֹי וִוי וֶוען אַ דֶענְטִיסְט (צֵיין דָאקְטֶער) וִויל אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן אַ צֵיין, גֶעבְּט עֶר פַארְדֶעם אַ נִידְל (אַן אַיינְשְׁפְּרִיץ) צוּ פַארְטֵייבְּן דִי נֶערְוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן קֵיין וֵוייטָאג, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶענָאמְט אַז עֶס זָאל מִיךְ נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף מִיר. שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ פַארְקֶערְטֶע מַעֲשֶׂה, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אוּן אוֹיסְרוּמֶען: **"וַאוּוּ, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה טוּט אוֹיף!"** הָאבּ אִיךְ זִיךְ נָאכְאַמָאל גֶענָאמְט, אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט: 'אוֹיבּ אִיךְ וֶועל נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן אַ גוּט וָוארְט, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען אֵיינֶער וֶועט מִיר גֶעבְּן אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט'.

וֶוען אֵיינֶער גֶעבְּט מִיר הַיינְט אַ גוּט וָוארְט, טְרַאכְט אִיךְ צוּ זִיךְ: 'וַאוּוּ, יֶענֶער אִיז אַ וואוֹילֶער מֶענְטְשׁ', אָבֶּער אִיךְ גֵיי יֶעצְט גָארְנִישְׁט אַנְדֶערְשׁ טוּן וֶועגְן זַיין גוּט וָוארְט, וַוייל אוֹיבּ גֵייסְטוּ מִיר בַּאלְד גָארְנִישְׁט זָאגְן, אָדֶער דוּ גֵייסְט מִיר זָאגְן אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט, וֶועל אִיךְ נָאךְ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן; אִיךְ טוּ וָואס אִיז רִיכְטִיג, אוּן אַז אֵיינֶער זָאגְט מִיר אַ גוּט וָוארְט, טְרַאכְט אִיךְ: 'יֶענֶער אִיז אַ וואוֹילֶער מֶענְטְשׁ', אוּן וֶוען אֵיינֶער זָאגְט מִיר אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט, טְרַאכְט אִיךְ: 'נֶעבֶּעךְ פַאר יֶענֶעם', אָבֶּער פֶּערְזֶענְלִיךְ נֶעם אִיךְ גָארְנִישְׁט אָן.

אִיךְ זָאג עֶס פַאר עֶנְק, וַוייל אַ מְלַמֵּד טְרַאכְט: 'אִיךְ אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וִוי שְׁוֶוער אִיךְ אַרְבֶּעט, אוּן מֶען הָאט נָאר טַעֲנוֹת אוֹיף מִיר', בֶּעט אִיךְ עֶנְק, נֶעמְט עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ, אַדְרַבָּה, אוֹיבּ יֶענֶער רֶעדְט צוּ דִי זַאךְ, אִיז עֶס אַ מְחַיֶּה, זָאל עֶר מִיר זָאגְן נָאךְ זַאכְן וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ פַארְרֶעכְטְן, אוּן אוֹיבּ אִיז עֶר נִישְׁט קֵיין מְחַנֵּךְ, נָאר סְתַּם אֵיינֶער וָואס וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אִיז גָארְנִישְׁט, אִיךְ הֶער יֶענֶעם אוֹיס אוּן אִיךְ גֵיי וַוייטֶער מַיין וֶועג.

### אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּל אִין גַן עֵדֶן

עֶטְץ זָאלְטְס דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶנְקֶער כֹּחַ גֵייט פַאר גוּטֶע זַאכְן; עֶס אִיז דָאךְ אַזַא רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט פוּן זֵייעֶר אַרְבֶּעט.

מֶען קֶען זֶען מֶענְטְשְׁן זֶענֶען לֵייגְן אַרַיין זֵייעֶר גַאנְצֶע קָאפּ אוּן מֹחַ אִין אַ בִּיזְנֶעס זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן, אוּן צוּמָאל פַּאסִירְט אַז עֶס פְּלַאצְט אוֹיס אַ פֵייעֶר אוּן עֶס וֶוערְט אָפְּגֶעבְּרֶענְט דִי גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס, וֶוען אִיךְ הֶער אַזַא נֵייעֶס אַז אַ בִּיזְנֶעס הָאט אָפְּגֶעבְּרֶענְט טְרַאכְט צוּ מִיר: 'עֶס אִיז דָאךְ אַזַא רַחְמָנוּת פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֵייעֶן אוּן אַרְבֶּעטְן, זֵיי קוּמֶען נִישְׁט אַהֵיים, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין צַייט פַאר דִי קִינְדֶער, וַוייל מֶען דַארְף דָאךְ עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן, מֶען דַארְף דָאךְ בּוֹיעֶן דִי בִּיזְנֶעס, אוּן פְּלוּצְלִינְג קֶען פַּאסִירְן אַז עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט פוּן דִי גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס'. בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נָאךְ אוֹיךְ

אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּל אִין גַן עֵדֶן

נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ וַוייל מֶען קֶען כָאטְשׁ פוּן יֶעצְט אָנְהֵייבְּן טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית, אַ רַחְמָנוּת אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן אַזוֹי אָפּ זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן, מֶען בּוֹיט אַ בִּיזְנֶעס אוּן מֶען אַרְבֶּעט שְׁוֶוער, נָאכְדֶעם גֵייט מֶען אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּן דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט.

אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס אַרְבֶּעט מִיט קִינְדֶער, אוֹי וִוי עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער... עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אוּן עֶס וַוארְט אִים אָפּ אַ שֵׁיינֶע גַן עֵדֶן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעבּוֹיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער!

דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן דִי מַחֲשָׁבוֹת: **'אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ שְׁטַארְבְּן...'** זָאלְן וִויסְן, דָאס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס אִיז 'אֶפְשָׁר', עֶס אִיז 'זִיכֶער'; וָואס אִיז דַיין סָפֵק? זִיכֶער גֵייסְטוּ שְׁטַארְבְּן! עֶנְדֶערְשׁ טְרַאכְט: 'אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן קֵיין זְכוּתִים אוֹיבְן אִין הִימְל', אוּן הֵייבּ טַאקֶע אָן טוּן גוּטֶע זַאכְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַסַאךְ זְכוּתִים.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ בַּאבֶּע וָואס וֶוען זִי אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אָטֶעמֶען שְׁוֶוער, זִי הָאט גֶעהַאט אַ שְׁרֶעק פוּן דֶעם אַז זִי גֵייט שְׁטַארְבְּן, אִירֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע 'פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת' זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִיר בַּארוּאִיגְן, מֶען הָאט אִיר גֶעזָאגְט: **"בַּאבִּי, דוּ וֶועסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן דֶערְלֶעבְּן מָשִׁיחַ"**, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַרַיין אִין אִירֶע אוֹיעֶרְן, וַוייל זִי הָאט גֶעפִילְט וִוי זִי גֵייט יָא אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ אִיר פְלֶעג אִיךְ אִיר זָאגְן: **"בַּאבִּי, דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן שְׁטַארְבְּן, עֶס וַוארְט דִיר אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּל אִין גַן עֵדֶן!"** וֶוען אִיךְ פְלֶעג אִיר דָאס זָאגְן הָאבְּן אִירֶע אוֹיגְן אוֹיפְגֶעשַׁיינְט, וַוייל וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ מִיר זָאגְן אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט שְׁטַארְבְּן? יֶעדֶער דַארְף דָאךְ שְׁטַארְבְּן!

עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם סָפֵק אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט שְׁטַארְבְּן, עֶס אִיז הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט רִיכְטִיג אַז מֶען דַארְף שְׁטַארְבְּן, 'אָבֶּער מָשִׁיחַ וֶועט דָאךְ קוּמֶען', דָאס אִיז אוֹיךְ

הוּנדערט פְּראָצֶענְט ריכְטִיג, אַוַודאי גֵייט מָשִׁיחַ קוּמֶען, עס איז נִישְׁטאָ קיין שׁוּם סָפֵק אין דעם אַז מָשִׁיחַ וועט קוּמֶען, אָבֶּער אֲפִילוּ ווען מָשִׁיחַ וועט שׁוֹין דאָ זַיין וועט מען נאָכאַלְץ דאַרְפְן שְׁטאַרְקְן, יֶעדֶער וועט מוּזְן אַוֶועקגֵיין פוּן דער וועלט (עַיין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ערה), און די אַלֶע וואס האָבְּן גֶעטוּן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער וועט זַיי אָפְּוואַרְטְן גְרוֹיסֶע זְכוּתִים. אִיךְ האָבּ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט קִינְדֶער מַאכְן בְּרָכוֹת, אִיךְ האָבּ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט קִינְדֶער אֱמוּנָה, אִיךְ האָבּ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט קִינְדֶער צְנִיעוּת, אִיךְ האָבּ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט קִינְדֶער כִּיבּוּד אָב וָאֵם, - די אַלֶע זְכוּתִים ווֶעלְן אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף מַיין אַקָאוּנְט (חֶשְׁבּוֹן)!

אין שְׁטֶעטְל האָבְּן מִיר אַ מְלַמֵּד וואס זַיין זֵיידֶע איז גֶעווען אַ מְלַמֵּד פַאר לַאנְגֶע יאָרְן, (ער האָט בַּיי אוּנְז אין די מוֹסָד אַיינִיקְלֶעךְ), ווען ער איז אַוֶועק פוּן דער וועלט האָט ער אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אִיבֶּער 'צֶען טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים' וואס ער האָט גֶעלֶערְנְט מִיט זַיי אֱמוּנָה, קוּשְׁן די מְזוּזָה, יָמִים טוֹבִים און פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, - די זְכוּתִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג!

### פַּרְשִׁיּוֹת פוּן אֱמוּנָה

אִיךְ וויל מען זאָל אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר די לֶערֶערִינְס, אַז מען לֶערְנְט טאַקֶע נִישְׁט אין בֵּית פֵּיגָא 'חוּמָשׁ רַשִׁ"י', אָבֶּער די עֶרְשְׁטֶע זֶעכְצְן זִיבֶּעצְן סֶדְרוֹת, פוּן פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית בִּיז פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, דאַרף מען אוֹיךְ לֶערְנֶען מִיט מֵיידְלֶעךְ, [גֶעווֶענְלִיךְ קוּמְט נִישְׁט אוֹיס צוּ לֶערְנֶען 'פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית' מִיט קִינְדֶער, ווייל עס איז נאָר דאָ ווֵייניג טֶעג צְווישְׁן שִׂמְחַת תּוֹרָה און שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית, אָבֶּער הַיי יאָר (שְׁנַת תשפ"ד) האָבְּן מִיר אַן אוֹיסְנַאם, שִׂמְחַת תּוֹרָה איז זוּנְטאָג, האָט מען אַ גַאנְצֶע וואָךְ צוּ לֶערְנֶען פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית].

פוּן 'פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית' בִּיז 'פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים' לֶערְנְט מען פוּן אֱמוּנָה, און פוּן דעם דאַרף מען רֶעדְן און רֶעדְן און רֶעדְן, נאָכאַמָאל אֱמוּנָה און נאָכאַמָאל אֱמוּנָה; לֵייגְט אַרַיין אין די קִינְדֶער אַז דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער האָט בַּאשַׁאפְן די וועלט, און וואס עס גֶעשֶׁעט אוֹיבּ מען פָּאלְגְט דעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און וואס עס גֶעשֶׁעט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מען פָּאלְגְט נִישְׁט דעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. גְרֵייטְס עֶנְק אָן צוּ דֶערְצֵיילְן די פַּרְשָׁה פַאר די קִינְדֶער מִיט טַעַם, עס איז דאָךְ אַזוֹי שֵׁיין דאָס צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער.

### דער עֶרְשְׁטֶער תְּנַאי צוּ הַצְלָחָה

גֶעדֶענְקְט וואס מִיר האָבְּן הַיינְט גֶערֶעדְט בַּיים שִׁיעוּר, ווייל אִיךְ נֶעם זִיךְ אוֹיס מִיט אַלֶע מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס אַז מען קען אַרְבֶּעטְן דאָ נאָר אוֹיבּ מען פָּאלְגְט די זַאכְן וואס מען רֶעדְט בַּיים שִׁיעוּר.

מען קען נאָר זַיין אַ מְלַמֵּד אָדֶער אַ לֶערֶערִין אוֹיבּ מען האָט זֵייער שְׁטאַרְק לִיבּ די אַרְבֶּעט, אוֹיבּ מען האָט נִישְׁט אַזוֹי שְׁטאַרְק לִיבּ די סָארְט אַרְבֶּעט, זאָל מען גֵיין זוּכְן אַן אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט. און די לֶערֶערִינְס וואס האָבְּן נִישְׁט אַזוֹי שְׁטאַרְק לִיבּ זֵייער אַרְבֶּעט, קֶענֶען גֵיין אַרְבֶּעטְן צוּ פַארְקוֹיפְן טִיכְלֶעךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן; ווען אַ פְּרוֹי קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְן אין הִימֶל, פְרֶעגְט מען אִיר: "**וואס האָסְטוּ גֶעטוּן אין דַיין לֶעבְּן?**" אַז זִי וועט עֶנְטְפֶערְן: "**אִיךְ האָבּ גֶעבְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה פַאר מַיינֶע קִינְדֶער**", וועט מען אִיר זאָגְן: "**זֵייער שֵׁיין אַז דוּ האָסְט גֶעבְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶּער פַארְוואָס האָסְטוּ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַזוֹיפִיל כֹּחַ אין די אַרְבֶּעט? עס איז דאָךְ גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן דֶערְפוּן?!**" אָבֶּער אַז מען לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער בְּלַייבְּט דער אַרְבֶּעט אוֹיף אֵייבִּיג, די זְכוּתִים וואס מען האָט אוֹיפְגֶעטוּן בַּאגְלֵייטְן דעם מֶענְטְשׁ אוֹיף די וועלט און אוֹיף יֶענֶע וועלט.

דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זאָל עֶנְק בֶּענְטְשְׁן עֶטְץ זאָלְטְס האָבְּן כֹּחַ, אַסַאךְ הַצְלָחָה און סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

•••

## עֶס אִיז מַיין קִינְד

**מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק פוּן אַ שִׁיעוּר וואס דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א האָט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת נֹחַ שְׁנַת תשפ"ד לִפְרַט קָטָן.**

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם ה' בֵּרַכְנוּכֶם מִבֵּית ה'. שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם מַיינֶע טַייעֶרֶע לִיבֶּע מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים, און אַלֶע וואס הֶעלְפְן אין חֵדֶר אַרַיינְגֶערֶעכְנְט דער מֶענֶעדְזְשֶׁער און בָּאס דְרַייוֶוערְס.

גֶעלוֹיבְּט דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז ער גִיבְּט מִיר די זְכִיָּה צוּ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין און מְחַיֶּה זַיין מְלַמְּדִים און מְחַנְּכִים.

אִיךְ האָף מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אַז אִיךְ וועל האָבְּן כֹּחַ אַרוֹיסְצוּקוּמֶען מִזְּמַן לִזְמַן אין שְׁטֶעטְל, אָבֶּער ווען אִיךְ קוּם אַרוֹיס אין שְׁטֶעטְל האָבּ אִיךְ זֵייער אַסַאךְ זַאכְן וואס אִיךְ דאַרף עֶרְלֶעדִיגְן און אִיךְ קען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶעס, יֶעדֶער וויל אִיךְ זאָל קוּמֶען קְלַאפְּן אַ מְזוּזָה בַּיי אִים, אִיךְ דאַרף גֵיין בַּאזוּכְן אין כּוֹלֵל און אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ רֶעדְן צוּ אִינְגֶעלַייט, פַּארְפֶעלְקֶער ווילְן זִיךְ דוּרְכְצוּרֶעדְן אִיבֶּער שָׁלוֹם בַּיִת, און אִיךְ דאַרף גֵיין צוּ די נַייעֶ 'יְשִׁיבָה קְטַנָּה' וואס מִיר האָבְּן יֶעצְט גֶעעֶפֶנְט אין שְׁטֶעטְל, ווייל דאָס איז יֶעצְט דער זַאךְ אין וואס אִיךְ אִינְוֶועסְטִיר צַייט און כֹּחַ; עס זֶעט מִיר נִישְׁט אוֹיס אַז אִיךְ וועל האָבְּן די צַייט צוּ קוּמֶען צוּ די חֵדֶר, וועל אִיךְ עֶנְק אַיין מָאל אַ וואָךְ אָדֶער אַיין מָאל אין צְווֵיי וואכְן בְּלִי נֶדֶר אָנְגְרֵייטְן אַ שִׁיעוּר בַּיי מִיר אין אָפִּיס, מען וועט עס רֶעקָארְדִירְן און עֶנְק עס גֶעבְּן צוּ הֶערְן, און אִיךְ האָף אַז די מְנַהֲלִים סַיי פוּן שְׁטֶעטְל, סַיי פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און אַזוֹי אוֹיךְ וואוּ עס איז דאָ אַ מְנַהֵל וואס וויל צוּזַאמֶענְנֶעמֶען זַיינֶע מְלַמְּדִים, ווֶעלְן נֶעמֶען דעם שֵׁיינֶעם שִׁיעוּר - וואס אִיךְ גִיבּ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּהִתְקַשְּׁרוּת לְכָל הַצַּדִּיקִים וּלְרַבֵּנוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, וּלְרַבֵּנוּ מוֹהֲרָא"שׁ - און עס גֶעבְּן צוּ הֶערְן פַאר די מְלַמְּדִים. וּבְשֵׁם הַשֵּׁם נַעֲשֶׂה וְנַצְלִיחַ.

בַּיי די שִׁיעוּרִים ווֶעל אִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ רֶעדְן פוּן נְקוּדוֹת וואס אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן די מְלַמְּדִים, און אִיךְ האָף אַז אֵיינֶער זאָל עס צוּזַאמֶענְשְׁטֶעלְן און מַאכְן פוּן דעם אַ שֵׁיינֶע סֵפֶר, מען זאָל עס קֶענֶען לֶערְנֶען און זִיךְ אוֹיפְפִירְשְׁן.

### טְרַאכְט: 'דאָס אִיז מַיין קִינְד!'

טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים, וּבִפְרָטִיּוּת די מְלַמְּדִים פוּן 'תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ'; אִיךְ ווֶעל אָנְהֵייבְּן מִיט אַ שֵׁיין ווָארְט וואס אִיךְ האָבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ האָבּ עס שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעזָאגְט פַאר מְלַמְּדִים, אָבֶּער אִיךְ וויל עס יֶעצְט נאָכאַמָאל זָאגְן און רֶעדְן צוּ עֶנְק הַארְצִיגֶע דִיבּוּרִים.

די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (סַנְהֶדְרִין יט:): "**כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילּוּ יְלָדוֹ**", ווער עס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אַ צְווֵייטְנְ'ס קִינְד, אִיז אַזוֹי ווִי ער האָט גֶעבּוֹירְן דעם קִינְד.

בִּפְשְׁטוּת לֶערְנְט מען פְּשַׁט אַז די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים גֶעבְּן אוּנְז אַ גְלֶעט, זָאלְסְט ווִיסְן דַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען דַיינֶע קִינְדֶער, דוּ האָסְט גֶעבּוֹירְן טוֹיזֶנְטֶער קִינְדֶער, ווען דוּ גֵייסְט אַוֶועק פוּן דער וועלט לָאזְטוּ אִיבֶּער טוֹיזְנְטֶע דוֹרוֹת.

אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ איז אוּנְז מְגַלֶּה אַז עס לִיגְט דאָ עֶפֶּעס טִיפֶערְס, דאָס איז נִישְׁט נאָר אַ גְלֶעט, דאָס איז אַ שְׁטִיקְל פַּארְלַאנְג; די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז: "**כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה**", ווען דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה מִיט אַ צְווֵייטְנְ'ס קִינְד, זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן "**כְּאִילּוּ יְלָדוֹ**", 'דאָס איז מַיין קִינְד'. דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער האָט בַּאשַׁאפְן די ווֶעלְט מִיט אַ נַאטוּר אַז 'סְתָּם אַבָּא מְרַחֵם עַל בָּרָא' (עַיין סַנְהֶדְרִין ע"ב: וּבְרַשִׁ"י דִּבּוּר הַמַּתְחִיל אָב הַבָּא עַל הַבֵּן), אַ טַאטֶע האָט רַחֲמָנוּת אוֹיף זַיין קִינְד; ווען אַ קִינְד קוּמְט אַהֵיים דֶערְצֵיילְן: "**מַיין רֶבִּי האָט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ**", ווֶעט דער טַאטֶע ווֵיינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **אוֹי טַאטֶע, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וואס קען אִיךְ טוּן די מְלַמְּדִים זָאלְן לִיבּ האָבְּן מַיינֶע קִינְדֶער**", און אוֹיבּ ווֶעט דער טַאטֶע הֶערְן אַז זַיין זוּנְס מְלַמֵּד האָט הַיינְט גֶעגֶעבְּן אַ צְבִּיט פַאר זַיין קִינְד, אָדֶער דאָס קִינְד ווֶעט דֶערְצֵיילְן: "**מַיין רֶבִּי האָט מִיךְ נִישְׁט גֶעגֶעבְּן אַ חַבְרוּתָא**", "**ווען אִיךְ בֶּעט צוּ גֵיין אין בֵּית הַכִּסֵּא זָאגְט מִיךְ מַיין רֶבִּי: 'לֵייג אַרָאפּ דַיין הַאנְט'**", - ווֶעט אִים די בְּלוּט שְׁפְּרִיצְן אין מֹחַ, עס ווֶעט זִיךְ אָנְצִינְדְן אין אִים אַ פַייעֶר פוּן כַּעַס אוֹיפְ'ן מְלַמֵּד, און אָךְ און ווֵיי דער טַאטֶע זָאל טְרֶעפְן דער מְלַמֵּד, עס קען זַיין ער זָאל אִים

# המשך שיעורים אין חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

אַפִילוּ שֶׁעדִיגְן, וַוייל **"אַ טַאטֶע הָאט לִיבּ אַ קִינְד"**, (מֶען רֶעדְט דָא פוּן גֶעזוּנְטֶע עֶלְטֶערְן, נִישְׁט פוּן עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט אוּן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ דִי קִינְדֶער).

אוֹיף דֶעם בֶּעטְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, טֵייעֶרֶער מְלַמֵד, טֵייעֶרֶער מְחַנֵךְ, טֵייעֶרֶע לֶערֶערִין, דוּ זִיצְט טַאקֶע מִיט אַ פְּרֶעמְדֶער קִינְד, אָבֶּער טְרַאכְט כְּאִילוּ דָאס אִיז דַיין קִינְד! וֶוער נִישְׁט נֶערְוֶועז פוּנֶעם קִינְד, צִיפּ נִישְׁט דֶעם קִינְד, שְׁטוֹיס נִישְׁט דֶעם קִינְד, בָּאקְס נִישְׁט דֶעם קִינְד, פְלִיק נִישְׁט דֶעם קִינְד, גֶעבּ אַ שְׁמֵייכְל פַארְן קִינְד, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיפְן קִינְד, אוּן הָאבּ לִיבּ דֶעם קִינְד.

## אַ מְלַמֵד מוּז גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת

אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן אַלֶע מְלַמְדִים וָואס אַרְבֶּעטְן בַּיי אוּנְז אִין 'תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ', מֶען זָאל יֶעדְן טָאג נֶעמֶען דֶעם לִיסְטֶע פוּן דִי נֶעמֶען פוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם אֱמֶת צִי אִיךְ הָאבּ לִיבּ אַלֶע תַּלְמִידִים נָאר דוּ אוּן אִיךְ; דֶער קִינְד הָאבּ אִיךְ לִיבּ, דֶער קִינְד מַאכְט מִיךְ נֶערְוֶועז, דֶער קִינְד אִיז אַ מִיאוּסְ'עֶר קִינְד, דֶער קִינְד אִיז אַ קְיוּט קִינְד, דֶער קִינְד אִיז אַ שֵׁיין קִינְד, דֶער קִינְד הָאט חֵן אִין מַיינֶע אוֹיגְן, אוּן דֶער קִינְד זָאל מָארְגְן נִישְׁט קוּמֶען אִין חֵדֶר, אָבֶּער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל דָאךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער מְלַמֵד, אִיךְ וִויל עֶס זָאל זַיין בַּיי מִיר דָאס וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן 'כָּל הַמְלַמֵד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה כְּאִילוּ יְלָדוֹ', מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן זַיין בַּיי מִיר וִוי מַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער"**.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים בֶּעטְן דִיךְ, טְרַאכְט אוֹיף יֶעדְן תַּלְמִיד: 'עֶס אִיז מַיין קִינְד', וֶוען דֶער קִינְד וָואס הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט וָואלְט גֶעוֶוען דַיין קִינְד, וָואלְסְטוּ אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטוּפּ אוּן אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט? נֵיין! וַוייל וואוּ קֶענְסְטוּ אִים שִׁיקְן? עֶר אִיז דָאךְ דַיין קִינְד!

## עֶר אִיז דָאךְ אַ קָטָן

אַוַודַאי אִיז גְרִינְג צוּ זָאגְן אוֹיף קִינְדֶער: **"דֶער הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט"** אוּן **"דֶער הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט"**; וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעעֶקְלְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין 'מְלַמְדִים שְׁטִיבְּל', אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶערְן וִוי מְלַמְדִים בַּארֶעדְן דִי קִינְדֶער, **"דֶער הַאלְט דָאךְ בַּיי גָארְנִישְׁט"**, **"דִי קִינְדֶער לִיגְן אִין תַּאֲווֹת אֲכִילָה"**, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'אַזוֹי זָאל מֶען רֶעדְן אוֹיף קִינְדֶער?! עֶס אִיז דָאךְ 'נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל', עֶס אִיז דָאךְ קִינְדֶער! וֶוען דֶער קִינְד וָואלְט שׁוֹין גֶעוֶוען אַ גָדוֹל; אַ גָדוֹל אִיז אוֹיךְ אַ טֵייעֶר קִינְד אוּן הָאט אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה, אָבֶער אַ גָדוֹל אִיז שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, - אָבֶּער קִינְדֶער?! וָואס אַ קִינְד זָאל נָאר טוּן בִּיז דִי דְרַייצְן יָאר, וֶועט אִים בֵּית דִין נִישְׁט גֶעבְּן אַן עוֹנֶשׁ, אַזוֹי וִוי דִי הַלָכָה אִיז אַז אֲפִילוּ עֶר זָאל אָנְצִינְדְן אַ צִיגַארֶעטְל אוּם שַׁבָּת וֶועט מֶען אִים אוֹיך נִישְׁט הַרְגְ'עֶנֶען, וַוייל עֶר אִיז אַ קָטָן!

## וָואס אִיז דַיין בְּלִיק אוֹיפְ'ן קִינְד?

אִיךְ וִויל אָבֶּער בַּאמֶערְקְן אַז עֶס מֵיינְט נִישְׁט מֶען זָאל נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אַוַודַאי דַארְף מֶען אַלֶעס פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער, אִיךְ רֶעד פוּן דֶער בְּלִיק וִוי אַזוֹי אָנְצוּקוּקְן אַ קִינְד וָואס טוּט נָאכְנִישְׁט אַלֶעס וָואס מֶען פַארְלַאנְגְט, עֶר וֶוערְט נָאכְנִישְׁט דֶער 'גְרֶעסְטֶער מְחוּצָף אוֹיף דֶער וֶועלְט'...

עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְדִים וָואס זָאגְן מִיר, זֵיי וֶוערְן אַבִּיסְל צֶעמִישְׁט פוּן דִי שִׁיעוּרִים, אֵיין מָאל זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מֶען זָאל פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ חַיוּת אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ שָׁאקְלֶען בַּיים דַאוֶונֶען, אוּן אֵיין מָאל זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה: **"וָואס אִיז אַז דֶער קִינְד דַאוֶונְט נִישְׁט? וֶוען דוּ בִּיסְט 'אָף דָארִי' (נִישְׁט אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט) טוּסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט טוּן!"** - קוּמְט אוֹיס מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער?!

## עֶס אִיז מַיין קִינְד

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, חַס וְחָלִילָה צוּ זָאגְן מֶען זָאל גָארְנִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן קִינְדֶער! מֶען דַארְף פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער צוּ דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן מֶען דַארְף פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער צוּ הָאבְּן דֶעם פוּלְסְטְן דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶּער וִוי אַזוֹי קוּקְסְטוּ אוֹיף דֶער קִינְד וָואס טוּט נָאכְנִישְׁט אַלֶעס וָואס דוּ פַארְלַאנְגְסְט? קוּק אִים אָן אַזוֹי וִוי דוּ קוּקְסְט זִיךְ אָן מִיט דַיינֶע זַאכְן וָואס דוּ דַארְפְסְט זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן.

לֶעצְטְנְס וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר אִינְגֶעלַייט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַ מְלַמֵד וָואס זִיצְט בַּיים שִׁיעוּר שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ צְוֵוייטְן, נָאכְן שִׁיעוּר הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַארְן מְלַמֵד: **"קוּק, אֶפְשָׁר וָואלְט אִיךְ דִיר גֶעדַארְפְט פָארְהַאלְטְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען פַארְן רֶעדְן אִינְמִיטְן שִׁיעוּר? אִיךְ הָאבּ דִיר גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, דִי זֶעלְבֶּע זָאלְסְטוּ טוּן וֶוען אַ קִינְד צוּשְׁמוּעֶסְט זִיךְ אִינְמִיטְן כִּתָּה, עֶס קוּמְט זִיךְ נִישְׁט מֶען זָאל אִים פַארְשֶׁעמֶען אוּן שְׁטְרָאפְן"**, פְרֶעגְט מִיר דֶער מְלַמֵד: **"קוּמְט אוֹיס וֶוען אַ אִינְגֶל שְׁמוּעֶסְט אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען זָאל אִיךְ אִים לָאזְן שְׁמוּעֶסְן?"** הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: נֵיין! לָאז אִים נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן, זִיכֶער דַארְפְסְטוּ זָאגְן פַארְן קִינְד: **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט!"** אָבֶּער דֶער קִינְד וֶוערְט נִישְׁט יֶעצְט דֶער גְרֶעסְטֶער מְחוּצָף וַוייל עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען, אוּן עֶס קוּמְט אִים נָאכְנִישְׁט אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס... אוּן בֶּאֱמֶת וֶוען דוּ הָאסְט גֶערֶעדְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, וָואלְט אִיךְ דִיר אוֹיךְ גֶעדַארְפְט זָאגְן: **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט!"** נָאר אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּשְׁטֶעלְן דֶעם שִׁיעוּר, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט יֶעדֶעס מָאל אָפְּשְׁטֶעלְן דֶעם שִׁיעוּר אוּן זָאגְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט יֶעצְט רֶעדְן.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר אי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

# בְּרֵיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין אִינְגְל וֶועלְן גֵיין אִין מִקְוֶה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן רַאטֶעוֶוען מַיין לֶעבְן מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, פַּרְנָסָה, דֶרֶךְ הַלִימוּד, חִינוּךְ אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ. אִיךְ וֵייס יֶעדְן טָאג פוּן לֶעבְן אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל גֵיין מִיט דִי שֵׂכֶל פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, וֶועל אִיךְ מַצְלִיחַ זַיין.

מַיין יוּנְגְסְטֶער זוּן גֵייט וֶוערְן דְרֵיי יָאר אִין בְּעֶרֶךְ צְוֵויי חֲדָשִׁים אַרוּם, וִויל אִיךְ פְרֶעגְן וֶוען אִיז דִי פְרִיעֶסְטֶע עֶלְטֶער וָואס מֶען קֶען נֶעמֶען אַ קִינְד אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת.

מַיין עֶלְטֶערֶער זוּן גֵייט שׁוֹין וֶוערְן אַכְט יָאר אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אִין מִקְוֶה, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר. אִין אָנְהֵייבּ הָאט זִיךְ עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ דְזְשַׁאבּ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט פְרַייטָאג בִּיז צוּם זְמַן, לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה צוּ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטְן וָואס זָאל טוּן מַיין אַרְבֶּעט פְרַייטָאג. שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט מַיין אַרְבֶּעט, אָבֶּער דִי זַאךְ פוּן נֶעמֶען מַיין זוּן אִין מִקְוֶה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַארְרָאכְטְן, יֶעדֶע וָואךְ מִיט אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, עֶר זָאגְט אַז עֶר וִויל נִישְׁט גֵיין, עֶר זָאגְט אַז עֶפֶּעס בַּאדֶערְט אִים, אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס, אַפָּאר מָאל פְרֶעג אִיךְ אִים נִיטְאַמָאל וַוייל אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס אִיךְ זָאל טוּן וֶוען עֶר זָאגְט אַז עֶר וִויל נִישְׁט גֵיין. אַפָּאר מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ גֵיין שְׁטְרֶענְג, וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין מִקְוֶה קֶען נִישְׁט הָאבְּן שַׁבָּת קַיין גְרֶעיפּ דְזְשׁוּס, סָאדֶע אָדֶער נַאשׁ, אָבֶּער יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין בִּלְבּוּלִים וָואס דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז וֶוען קִינְדֶער וֶוערְן גְרֶעסֶער קֶען מֶען נִישְׁט צְווִינְגֶען וַוייל שְׁפֶּעטֶער וֶועט עֶר נִישְׁט טוּן דִי זַאךְ וָואס מֶען הָאט אִים גֶעצְווִינְגֶען.

יֶעדְן פְרַייטָאג טְרַאכְט אִיךְ וָואס פַאר אַ וֶועג צוּ

גייִן און איך קען נישט מחליט זיין, איך האב אים שוין צוגעזאגט אסאך גוטע זאכן אויב ער וועט גיין אין מקוה, אבער דערוויַיל האט גארנישט געארבעט. איך ווייס אז איך האב נישט גוט געטון, איך האב געקענט טון בעסער, אבער איך וויל דאס פארעכטן, וויאזוי זאל איך דאס פארעכטן?

יישר כח פאר אלעס

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת שלח, כ"ג סיון, שנת תשפ"א לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער עיקר וואס עלטערן דארפן זיך פארלייגן ביי חינוך הבנים והבנות - איז אויסלערנען די קינדער אז מען מוז פאלגן טאטע מאמע, דאס איז דער יסוד ביי חינוך, דאס דארף מען טון ווען די קינדער זענען נאך גאר קליין, ביי צוויי יאר, דריי יאר אלט - ביז די קינדער לערנען זיך אויס צו פאלגן די עלטערן.

רוב עלטערן ווייסן דאס נישט; מען טראכט נישט, אדער מען ווייסט נישט, אדער האט מען נישט קיין כח, מען לאזט די קינדער טון וואס זיי ווילן, די קינדער וואקסן אויף אן דרך ארץ און שפעטער ווען זיי ווערן עלטער קומט ארויס די חוצפה זייער שטארק, דעמאלט איז שוין צו שפעט, דעמאלט קען מען זיי שוין שווער בייגן צום גוטן.

יא מקוה, נישט מקוה - נישט דאס איז דיין פראבלעם; מען קען זאגן אז מען דארף גיין אין מקוה און מען קען זאגן אז עס איז נישט געפערליך אז דער קינד וויל נישט גיין, נישט דאס איז דער פראבלעם, דיין פראבלעם איז אז דיינע קינדער דארפן וואקסן געזונט, זיי דארפן וויסן אז א טאטע מאמע זאגן יא איז יא און אז טאטע מאמע זאגן ניין איז ניין, מען קען נישט זאגן פארקערט.

בעט דעם אייבערשטן דו זאלסט וויסן ווי אזוי צו רעדן צו דיינע קינדער, ווי אזוי זיי מחנך זיין, ווי אזוי זיי פרייליך מאכן; מיט תפלה וועסטו זוכה זיין צו ערליכע קינדער, ערליכע אייניקלעך, עס וועלן זיך ציען שיינע דורות פון דיר.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת קרח תשפ"א)

## וואס טוט מען ווען דאס קינד ווײנט אסאך ביינאכט?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

מיין טאכטער, דריי יאר אלט, וועקט זיך אויף כמעט יעדע נאכט און וויינט גאר אסאך, ביז מען קען איר ענדליך בארואיגן זי זאל צוריק איינשלאפן ביז אינדערפרי, און דאס איז זייער שווער אויפצושטיין יעדע נאכט נאכאמאל. ווי אזוי קען איך איר העלפן שלאפן געהעריג די גאנצע נאכט?

אויך האב איך ברוך השם א קינד פון א האלב יאר אלט, איך האב אים זייער ליב, די שאלה איז אויב לויט'ן רבי'ן טאר איך אים נישט קושן, נאר זיך מער דערווייטערן פון אים?

יישר כח

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת צו, ט' ניסן, שנת תשפ"א לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אז דיין קינד וועקט זיך אויף ביינאכט און וויינט - זאלסטו מיט וויינען מיט'ן קינד צום אייבערשטן. ברסלב'ע חסידים ווילן דאך מקיים זיין וואס דער רבי זאגט, מען זאל זאגן ביינאכט תיקון חצות; ווען די קינדער וועקן זיך אויף אינמיטן די נאכט, קען מען דעמאלט מתפלל זיין פאר זיך און פאר די קינדער.

מוהרא"ש פלעגט זאגן א סגולה פאר בעלי בתים ווען זיי שטייען אין געשעפט און קיינער קומט נישט אריין איינקויפן, אז מען זאל נעמען א ספר, א משניות וכדומה אין אנהייבן לערנען - וועט דער סמ"ך מ"ם זיכער מאכן עס זאלן קומען מענטשן איינקויפן, אבי מען זאל נישט לערנען. דאס זעלבע זאג איך דיר, אז דיין קינד וועקט זיך אויף ביינאכט, עס וויינט און וויל נישט צוריקגיין שלאפן - זאלסטו אנהייבן מיט צו וויינען צום אייבערשטן, בעטן פאר אידישע קינדער זאלן נישט האבן קיין צרות; בעט משיח זאל שוין קומען און אונז צוריק ברענגען צום אייבערשטן - וועט דיין קינד שנעל איינשלאפן, אבי דו זאלסט שוין אויך צוריק גיין שלאפן.

בנוגע קישן קינדער; דער רבי האט טאקע געזאגט: "א קינד קישט מען נישט, און א קינד שלאגט מען נישט"; אבער דאס מיינט מען נישט קליינע קינדער, דאס מיינט מען ווען די קינדער וואקסן אונטער, דעמאלט איז נישט כדאי מען זאל צערטלען די קינדער; ווייל ווי מער מען איז צוגעקלעבט צום קינד און מען צערטלט אים, שלאגט מען דאס קינד ווען עס איז לעבעדיג און שפרינגעדיג.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת שמיני תשפ"א)

חינוך אפטיילונג

אויף קול ברסלב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

אויף קול ברסלב

דרוקט: 1-2-4-2

- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876